משמרת השלום
02-5379160



# א גוט ווארט

וָואכְן-שְׁרִיפְט פַאר קִינְדֶער, פוּן 'מִשְׁמֶרֶת הַשָּׁלוֹם'

נו' 13
פר' וארא
תשפ"ד

טֶעמָא:
דֶערְמַאנְסְט? רַאטְעוֶועסְט!

## אַלֶע הָאבְּן מוֹרָא פוּן אַלֶעמֶען

### כ'בִּין נִישְׁט קַיין בֶּער!

זוּנְדְל זוּכְט אַ אַרְבֶּעט, וואוּ מֶען פַארְדִינְט אַסַאך גֶעלְט. אָבֶּער מֶען נֶעמְט אִיהם נִישְׁט אָן אִין קַיין פְּלַאץ.

וָואס טוּהט עֶר?

עֶר גֵייט צוּ אַ אָפִיס, וואוּ מֶען פְּרָאבִּירְט צוּפַּאסְטְן, פַארְשִידֶענֶע אַרְבֶּעט'ס פְּלֶעצֶער.

"מִיר זוּכְן אַ מְמַלֵא מָקוֹם, אִין אַ אִינְטְרֶעסַאנְטֶע פְּלַאץ" זָאגְט מֶען אִיהם "וִוילְסְט הֶערְן, וואוּ?".

"אַוַודאי!" שְׁרַייט זוּנְדְל גְלִיקְלִיך. "כ'בִּין גְרֵייט אַלֶעס צוּ טוּהן!" עֶרְקְלֶערְט מֶען אִיהם, פוּן וָואסְפַּארַא אַרְבֶּעט, ס'רֶעדְט זִיך "דֶער בֶּער פוּנֶעם חַיוֹת-פַּארְק (ז'ו) אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן מ'זוּכְט אֵיינֶעם אַנְשְׁטָאט אִיהם. וִוילְסְט אֶפְשָׁר, פַארְטְרֶעטְן זַיין פְּלַאץ?..."

דַארְפְסְט גָארְנִישְׁט טוּהן אוֹיסֶער אָנְטוּהן אַ פֶּעל,

זיצן אַ גאַנצן טָאג פאַרשְפאַרְט אִין שְטַייג. און יֶעדֶע נַאכְט, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען דַיין גֶעהַאלְט!..."

זונדל פְרָאבִּירְט, און אִיז צוּפְרִידְן. עֶר טוּהט גָארְנִישְט, און פַארְדִינְט שֵיין.

זַיין שִׂמְחָה הָאט אָבֶער אָנְגֶעהַאלְטְן, וִוילַאנְג דֶער הִיטֶער פון חַיוֹת-פַארְק הָאט פַארְגֶעסְן, צוּ פַארְשְלִיסְן, דֶעם טוֹיעֶר פון זַיין שְטַייג... עֶר הָאט גֶענוּמֶען שְרֶעקְלִיך צִיטֶערְן, זֶעהֶענְדִיג וִוי דֶער לֵייבּ קוּמְט אִיהם אַנְטְקֶעגְן...

אִין יֶענֶע מִינוּטְן, הָאט זוּנְדְל פַארְגֶעסְן, אַז עֶר אִיז אַ פַארְשְטֶעלְטֶער, און האט גֶעגֶעבְּן אַ קְוִויטְש: **"שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלוֹקֵינוּ"**... ס'הָאט אִיהם בִּכְלַל נִישְט אִינְטֶרֶעסִירְט, וָואס דִי בַּאזוּכֶער'ס, טְרַאכְטְן אוֹיף אִיהם.

און... וֶוען דֶער לֵייבּ הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן פון זַיין לֵייבְּן-פֶעל: **"ה' אֶחָד!"**

אַהַהַה...

דֶער לֵייבּ מִיטְן בֶּער, הָאבְּן אָפּ-גֶעאָטֶעמְט און פַארְשְטַאנֶען, אַז ס'אִיז בְּלוֹיז גֶעוֶוען אַ אָנְגֶעשְטֶעלְטֶע שְפִּיל; בֵּיידֶע חַיוֹת זֶענֶען פַארְשְטֶעלְטֶע!... קֵיינֶער הָאט נִישְט, מִיט וָואס צוּ דֶערְשְרֶעקְן דֶעם צְוֵוייטְן.

וִוילַאנְג זוּנְדְל הָאט גֶעמֵיינְט, אַז דֶער לֵייבּ אִיז אַ חַיָה ־ הָאט עֶר גֶעצִיטֶערְט. אָבֶער אִין דִי רֶגֶע וָואס עֶר הָאט פַארְשְטַאנֶען, אַז יֶענֶער אִיז אַ מֶענְטְש פוּנְקְט וִוי אִיהם ־ אִיז זַיין פַּחַד צוּרִינֶען---

## דוּ הָאסְט מוֹרָא...

דוּ קֶענְסְט גוּט הִלְכוֹת שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן, און גִיבְּסְט זִיך אַכְטוּנְג.

אָבֶער לְמַעֲשֶׂה?

וֶוען ס'קוּמְט אַ חֲבֵר, און דֶערְצֵיילְט לָשׁוֹן הָרַע: שְטֶעלְסְטוּ אִיהם אָפּ?

נֵיין... דוּ הָאסְט מוֹרָא...

פון וָואס? - צִיטֶערְסְט, אַז דַיינֶע חֲבֵרִים וֶועלְן דִיר אָפּלַאכְן, אָדֶער, אַרָאפּ וַוארְפְן אַלֶע טְרֶעפּ...?

דוּ וֵוייסְט אַלֵיין נִישְט... אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט: דוּ וֵוייסְט זִיכֶער אַז נִישְט!... אָבֶער דָאך, וֶוען דָאס גֶעשֶׁעהט, שְטֶעלְט דִיר דֶער יֵצֶר הָרַע פָאר, אַלֶערְלֵיי מָאדְנֶע און שְרֶעקֶעוְודִיגֶע פַאנְטַאזְיֶעס:

מֶען וֶועט דִיר אָנְקוּקְן אַלְס אֵיינֶער וָואס מַאכְט זִיך אַצְדִיק.

מֶען וֶועט זָאגְן, אַז דוּ שְטֶערְסְט.

קֵיינֶער וֶועט זִיך נִישְט חֲבֶרְ'ן מִיט דִיר. אַזוֹי רֶעדְט אַיין, דֶער יֵצֶר הָרַע!

אָבֶער ס'קֶען בִּכְלַל זַיין פַארְקֶערְט,

אַז דֶער "לֵייבּ" - חֲבֵר פון וֶועמֶען דוּ שְרֶעקְסְט זִיך ־ צִיטֶערְט גָאר פון דִיר, און עֶר קְלֶערְט בִּכְלַל נִישְט, דִיר צוּ אָפּלַאכְן!

קוּמְט אוֹיס, אַז אַלֶע הָאבְּן מוֹרָא פון אַלֶעמֶען! יֶעדֶער וִויל גֶעפֶעלְן פַאר יֶעדְן! און דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט אַלֶעמֶען אַיין, אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע, וֶועט מֶען הַאלְטְן פון זֵיי, און אַרוֹיפְקוּקְן מִיט שֶׁעצוּנְג... ס'אִיז אָבֶער נִישְט רִיכְטִיג! מֶערְסְטְנְס קִינְדֶער וִוילְן נִישְט רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע! און הָאבְּן נִישְט הֲנָאָה פון דֶעם!!!

דֶערְפַאר, דַארְף מֶען הַאנְדְלֶען מִיט קָאפּ און אַכְט לֵייגְן, וִוי אַזוֹי צוּ אָפּשְטֶעלְן אַזַא שְמוּעֶס.

קֵיינֶער הָאט דָאך נִישְט לִיבּ, וֶוען מֶען בַּאשוּלְדִיגְט אִיהם: "דוּ רֶעדְסְט לָשׁוֹן הָרַע!". עֶר וִויל זִיך נִישְט שְפִּירְן אַלְס רָשָע. דֶערְפַאר עֶנְטְפֶערְט עֶר גְלַייך: "לָשׁוֹן הָרַע? וָואס עֶפֶּעס?!" עֶר לַאכְט אָפּ, וֶוער ס'הָאט אִיהם גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת. ס'אִיז אִיהם פָּשוּט נִישְט אַיינְגֶענֶעם צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער.

מֶען דַארְף זָאגְן, מִיט חָכְמָה: "לָאמִיר רֶעדְן אוֹיף עֶפֶּעס אַנְדֶערְש, אֵיידֶער מִיר פַארְקְרִיכְן צוּ לָשׁוֹן הָרַע".

אַזֶעלְכֶע סָארְט וֶוערְטֶער, זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער גְרֵייט צוּ אָנְ-נֶעמֶען! נִישְטָא וָואס צוּ מוֹרָא הָאבְּן. מ'קֶען עֶס זָאגְן רוּהִיג. פַארְקֶערְט, אוּנְזֶערע חֲבֵרִים

וועלן נאָך דאַנקבּאַר זיין.

אַצינד, טראַכט אַריין: ווי אַזוי פּירסט זיך אויף, ווען דיין חבר זאָגט דיר: "ס'איז לשון הרע!"...?

ווילסט דאָך היטן אויפן מויל, איז אויב איינער זאָגט אַ ריכטיגע הערה, נעם אָן!

ווער ס'האַלט אונז אָפּ, ראַטעוועט אונז! מיר געפינען זיך אין מלחמה-צייט, מלחמת היצר. דער יצר וויל אונז הרגענען, נישט ווייניגער ווי די חמאס'ניקעס... **קומט אַ חבר, און ראַטעוועט אונז!!!**

קומט איהם דאָך אַ יישר כח, אַז ער דערמאַנט - ראַטעוועט ער!...

## און צום ענד...

ס'איז כדאי צו אָפּרעדן עפּעס אַ קאָד צווישן די חברים, אַפילו מיט אַ ניגון, וואָס מען וועט אונטער זינגען און דערמאָנען, ווען מ'הייבּט אָן רעדן, וואָס מען דאַרף נישט...

צ.ב.ש. **אַ גוט וואָרט'.**

עס וועט דערמאָנען, אָפּשטעלן, און ראַטעווען!!!

**דערמאַנסט? ראַטעוועסט!**

**אַ רגע!**

צומאָל טרעף איך זיך אין אַ גרופּע וואו אַלע רעדן לשון הרע. איך קען זיי נישט אָפּשטעלן. וואָס זאָל איך טוהן?

**אויף דעם וועלן מיר בעזרת ה' רעדן, די קומענדיגע וואָך...**

**דערווייל טראַכט איבער - וואָס דו האָסט דאָ געלערנט!**

**גוט שבת. משולם.**


נועם אלימלך כהן, "תורה ודעת", בני ברק

**איהר האָט אויפגעליינט פונעם וואכנשריפט, בּיים שבת'דיגן טיש?**

אויב יאָ, דערציילט אונז בּיים חברים-ליין

072-337-2212

דריקט 395

**אויך איהר קענט זיין צווישן די גליקליכע, וואָס געווינען אַ טייערן געשאַנק!**


# שו"ת משולם

### אַ הלכה צום שבת טיש





**צו צושליסן נאך מוסדות, צום פראגראם חברים:** פעקס: 02-6506107
מייל: t025379160@gmail.com

צו אנטייל נעמען און צושפרייטן דעם וואכנשריפט:
**1800-800-779**

**דער וואכנשריפט ווערט געדריקט און פארשפרייט**
**לזכות:** יעקב שמואל בן שמחה ער זאָל מצליח זיין אין אויספאָרשונג, און זוכה זיין צו סייעתא דשמיא בּיים בויען.

גֶעשְׂרִיבְּן: ש. רוזנשטיין | גֶעמָאלְן: יוספי יוסף

# מַחְסוֹמִיקס

## הַאלְט! מֶען אַרְבֶּעט אוֹיפְן וֶועג
## דָא אַרְבֶּעט מֶען אוֹיף... זִיךְ אַלֵיין!







אִיהר ווִילְט הֶערְן אַבִּיסְל מֶער, אוֹיף מְשׁוּלָּם מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים,
אוּן אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרַע'ס, מְסוּכְּנְ'דִיגֶע סָאלְדַאטְן?
**קְלִינְגְט אַרַיין צוּם חֲבֵרִים-לַיין: 0723372212 דְרִיקְט 392**


צו צושפרייטן דעם וואכנשריפט אין שוהל'ן, פאר א מינימאליש'ן פרייז- **קלינגט 02-5379160 דריקט 0**